STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01767

DER BLINDER BETLER

A. Baroff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. באראף.

דער בלינדער בעטלער

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909.

דער בלינדער בעטלער.

אדער

דיא פלאטאנישע ליעבע.

פון אב. באראף.

ער שטייט פאר מיינע אויגען מיט דעם גוטען צורונצעלטען פנים, מיט דיא לאנגע זילבער ווייסע האר, מיט דיא גרויסע גע־זילבער דיכטע ברעמען, און דער שיטערער ווייסער בארד, ער שטייט פאר מיר, מיט דעם בלאסען איינגעשרומפטען געזיכט, אויף דעם הויכען, טיעף געקנייצטען שטערען וועלכער גיט איהם צוא איין אויסדרוק פון עדעל־מוטה.

איך זעה איהם שטייענדיג, איינגעבויגען איבער דעם דיקען סוקאוואטען שטעקען, מיט פעסט צוזאממען געפרעסטע ליפפען, אויף וועלכע עס שפיגעלט זיך אפ איין טרויעריגער סימפאטהישער שמייכעל. איך קען ניט פארגעסען דיעזען אלטען שטילען דולדער.

איך קען ניט פערטרייבען דיא געדאנ־קען וועלכע רופען ארוים פאר מיר, אין מיין איינבילדונגס-קראפט, זיין איינדרוקס-פאלען געזיכט, וועלכער פארערט מיך מיין פער־שפרעכען צוא ערפילען. עס איז געוועזען א שיינער מאי טאג ווען איך האב בעקומען א נייעם פלאץ צו ארבייטען. איך בין דעם ערסטען מאל געפאהרען דיעזען וועג.

ארויפגייענדיג דיא טרעפען פון דעם עלעוויטער האב איך איהם צום ערשטען דע־זעהן. שטייענדיג מיט א פאריסענעם קאפף, מיט דיא פארצוינענע אויגען ווייט אויפגעריסען מיט איין אפענעם טויל, און איין אומרוהיגער אויסדרוק אויף זיין בלאסען געזיכט.

איך בין צופיעל געוועזען אריינגעטאהן אין דיא געדאנקען וועגען דעם נייען פלאץ, און אזוי וויא פיעלע טויזענדע פארביי־גייער בין איך דורך געלאפען, און אלס א רעגעל האב איך אריינגעווארפען א פעניע אין זיין בלעכענער קעסטעל אין וועלכער עס זיינען געשטאנען עטליכע פענסילס צוזאממען געבונדען.

איך האב קיין צייט געהאט צו שיינקען מעהר אויפמערקזאמקייט צוא דיעזען אונ־גליקליכען, וועלכער האט אבער געמאכט איין גוטען איינדרוק אויף מיר אין דעי שפעטערער צייט און אין וועלכען איך האי זיך פעראינטרעסירט.

פון יענעם טאג אן, האב איך איהם טענליך געטראָפען אויף דעם זעלבען פלאץ אין דער זעלבער פאָזיציאָן, איך האב זיך צוגעוואוינט צו דיעזען בלינדען־ליידענדען, איך האָב איהם ליעב געקראָגען. אין סלעקציים ווען איך האב זיך ניט געהאט וואס צו היילען אין שאפ, פלעג איך לאנגזאם זיך ארױפלאָזען פון דיא טרעפען אום איך זאל קענען בעסער בעאָבאכטען דיא אויסדריקע פון זיין געזיכט.

איך האב בעמערקט דאס בייא יעדעס מאהל ווען א טריין איז אנגעקומען, און א שטראָם מענשען האבען זיך געיאָגט פון דיא טרעפפען איז ער געווען אריינגעטאהן מיט זיין גאנצען פיהלונגס־קראפט, מיט אלע זיינע חושים אין דיעזע שטראָמען מענטשען, אזוי וויא ער וואלט עטוואס ערווארטעט.

אין פריהלינג וויא אין הערבסט, אין זוממער וויא אין גרויזאמען ווינטער אין די פײלסטע דורכדרינגענדע נאססע וועטערען, איז ער דאָ געשטאנען.

קיינע שטורעמס, קיינע קעלטען, קיינע חיטצען האָבען איהם ניט אוועקגעריסען פון זיין פלאץ, איממער איז ער געווען אויף דער וואך. עס האָט אויסגעוויזען דאס ער ערווארטעט עטוואס, אין וועלכען זיין גאנצער עקזיסטענץ חיינגט אפ.

די גרויזאמע צייט האט ניט פערפעהלט צו מאכען אויף איהם איהר ווירקונג. זיין שוואכער קערפער איז געוואָרען געבויגען, דאס געזיכט מיט א געללע בלאססקייט בעצייגען, דיא ווייסע באָרד און דיא טיעפע קנייטשען פון זיין געזיכט האָבען איהם געגעבען דעם אויסזעהן פון טיעפער פערצווייפלונג.

עס האט מיר וויי געטהאן דיא הארץ אויף איהם, איך האָב זיך אייניגע מאָל געשטעלט דיא פראגע: „ווער איז ער?“ איך האָב ניט געקענט פערשטעהן ווער, אָדער וואָס צווינגט דעם שוואכען גרייז אין דיא שרעקליכםטע וועטערען צוא שלעפען דעם געבויגענעם קערפער אויף זיין שטענדיגען פלאץ? ווער איז ער? האט ער שוין גאָר קיין פריינדע וועלכע זאלען זיך מיט איהם אינטרעסירען?

עס קען דאָך ניט זיין דאָס דיעזער ווירדינער גרייז, דאָס דיעזער עדלער געזיכט זאל מיט שווערע מיהע אהער ברייגגען זיין קערפער אום אוים צו בעטלען עטליכע סענט? ניין! עטוואָס העכערעס, וויכטעגערעס באַוועגט דעם אלטען צו זיין איממער־וועהרענד אויף דער וואך. און איך האָב בעשלאָסען ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט, בעטען ביי דעם אלטען בלינדען בעטלער, איין ערקלערונג אויף דיא אלע אונפערשטענדליכע פאר מיר פראגען.

דיא נאכט איז געוועזן א קאלטע, א שניידענדער דרום ווינד האט געבלאָזען, געריסען דיא פענסטער פון מיין צימטער

און האט א טרויעריגע מעלאָדיע אריין גער פייפט אין דעם קוימען. א געדיכטער שניי האט זיך אויסגעלייגט און האט אלעס אנגעטהאָן אין תכריכים. איך האָב די גאנצע נאכט ניט געקענט שלאָפען. מאָרגען ארבייט איך ניט, און איך מוז אויסנוטצען די צייט אין געלעגענהייט צו זעהן זיך מיט'ן אלטען, פאָדערען, בעטען איין ערקלערונג אויף זיין רעטזועלהאפטען לעבען.

שפעט נאָך האלבע נאכט בין איך פון מיעדקייט איינגעשלאָפען, פארשיעדענע מוראָדיגע חלומות האָב איך געהאט. אָט האב איך געזעהן וויא א געדיכטער שנייא דעקט צו דעם אלטען און באהאלט איהם. און פלוצלונג קומט אָן א שטאַרקער שטורם ווינד, און רייסט און טראָגט אלעס וואָס עס קומט אים אין וועג. און אָט זעה איך דעם אלטען בלינדען בעטלער געטראָגען פון גרויססע שטורעם איבער אללע הויכע הייזער, מיט די צו וואָרפענע שניי ווייסע האָר, מיט א צובאָרשטע באָרד פליענדעו אנץ העבער....העבער....אהין.... אין די קלאָרע רייגע הימלען......וייט אוועק פון אונזער שמוציגער איינג-הערציגע וועלט...

איך האָב זיא אויפגעהאפט פון מייגע אונרוהיגע חלומות.

דער הימעל איז געווען בעצויגען מיט א דיקער חמארע, און דורך די פערפראָרענע מיט קוויטען בעצייגענע פענסטער האָב איך געזעהן וויא א געדיכטער שניי האָט זיך גע־ שאָטען אָהנע אויפהער א שניידענדער ווינד האָט געריסען, געטראָגען גאנצע זיילען פון שניי, און האָט אנגעמאכט א שווערע, שרעקליכע מעטעלניצע.

איך בין אויפגעשטאנען פון מיין ווארעמען געלעגער, איך האָב זיך געהיילט.

דיא אלע געדאנקען, די פאנטאזיען, די חלומות וואָס איך האָב דורך געפיהלט דיא נאכט, האָבען מיר ערדעגט און באוועגט מיין בעשלום דורך פיהרען.

איינוויקלענדיג זיך אין מיין שווערען ראָק בין איך אוועק געלאָפען צו דער טריין.

דיא גאנצע צייט פון מיין רייזע בין איך געווען נערוועז, אונגעדולדיג, איך האָב שוין געוואלט שנעלער קומען אויף דעם אָרט.

איך האָב זיך געשראָקען דאָס דער אלטער זאָל ניט צוזאממען ברעכען אין אזא שרעקליכען שטורעם.

איך האָב געפירכטעט דאָס אין אזא טיעפען שניי זאָל ער ניט זיין אימשטאנד צו שלעפען זיך צו זיין שטענדיגען פלאץ, און וואו צו געפינען איהם האָב איך ניט גע'וואוסט.

דורך דיא פארשנייטע, פערפראָרענע פענסטער פון דער קאר, האָב איך איהם דערזעהן, צוגעדעקט מיט א בארג שניי, אנגעשפארט מיט ביידע דארע הענד און דער איינגעפאלענער ברוסט אויף זיין דיקען שטעקען, שאָקלענדיג, וואָקלענדיג זיך פון שוואכקייט. איך בין אראָפגעשפרונגען אויף

דער פלאטפארמע, בין ארונטער געלאפען דיא טרעפפען און מיט א קורצען אטהעם האב איך איהם סאפענדיג בעגריסט.

זיין צוקארטשעטער געזיכט איז געוועזן בלאָע פון קעלט און צוקרימט פון גרויסען שמערץ. זיין אטהעם קוים וואס איך האב געהערט, מיט דיא ליפען צושפאלטענע, טרוקענע פון קעלט.

מיין הערץ האט איז מיר געוויינט, קוקענדיג אויף דיעזען בילד פון מארטערטהום. איך האב געחאפט זיינע אייז קאלטע הענד און האב איהם איינגעלאדען אריין גיין אין א דערביי שטייענדען האטעל, דערוואַרעמען דיא פערפרארענע גליעדער, דערקוויקען דאס פערשמאכטע הארץ.

ער האט זיך איינגעהערט, און מיט א קוים הערבבארע שטימטע האט ער מיר ווארווירפע געמאכט וואָרום איך מאך שפאס פון אזא אונגליקליכען אלטען גרייז.

און ווען איך האב איהם פערזיכערט דאס איך מיין עס ערנסט, און דאס איך בין ניט פעהיג צוא שפאססען פון אזא אלטען, איך געפין זיך בעליידיגט וואס ער האט אזא שלעכטע מיינונג וועגען מיר, האט ער מיר שוואך געדריקט דיא הענד, זיינע ברעמען האבען א ציטער געטאהן, און פון זיינע בליינדע אויגען האבען זיך צוויי טרעהרען געשליינגעלט איבער זיין געזיכט און זיינען פערשוואונדען אין דער ווייסער בארד. ער האט מיר שטיל הערצליך געדאנקט, און אנשפארענדיג זיך אויף מיין ארעם, האט ער זיך געלאזט פיהרען פון מיר....

אין איין אנגענהאמען ווארעמען צימער זיינען מיר אריינגעגאנגען. איך האב איהם אוועק געזעטצט אין א ווינקעל ביי א קליין טישעל, און האב זיך געזעטצט געגען איהם איך האב געארדערט א מאלצייט, דער ווייטער האט פלינק דערלאנגט דיא שפייז און איך האב איהם אונטער געמונטערט ער זאל עטוואס געניסען, איך האב געטרונקען א ביער, און האב געקוקט אויף דיעזען געזיכט אויף וועלכען עס איז געוועזן שארף אויסגע־קריצט דיא ליידען, דיא צרות וועלכע ער האט געהאט אויף זיין לעבען.

דאס הארץ איז אין מיר געוועזן פער־דריקט פון איין מיטליידס־געפיהל. איך האב געקוקט און געפרעגט זיך, ווען וועט שוין קומען א צייט ווען אזעלכע בילדער פון פער־צווייפלונג וועלען מעהר ניט זיין? נאך דעם ווען דער אלטער האט זיך דערווארעמט, האט עטוואס געגאסען פון דיא אוועקגע־שטעלטע שפייז און האט פערטרונקען מיט א ביער, האב איך איהם געבעטען, מיר באקאנען מיט זיין פערגאנגענהייט. איך האב איהם ערקלערט דאס עס איז ניט אויס איינפאכער נייגעריגקייט, נור עס איז א וואונש אויס שטארקען מיטלייד און אבטונג צו איהם.

זיין געזיכט איז וויא מיט א שווארצען וואלקען געווארען בעצויגען, און מיט א

ציטערענדיגע געבראכענע שטימע האט ער געענטפערט, ניין, ניין, מיין הערר. וואצו ערינערען דיא פערגאנגענהייט ווען זיא איז אזוי טרויעריג? וואצו פערשאפען אומזיסטען שמערץ דעם צווייטען? ניין, איהר קענט קיין פערגעניגען האבען פון דעם בלינדען בעטלערס געשיכטע.

איך האב ניט בעשטריטען דאס פון א טרויעריגע פערגאנגענהייט און א ביטערע געגענווארט קען מען קיין פערגעניגען האבען דאך וואלט איך צופריעדען געווען נעהמען איינטהייל אין זיינע שמערצען, און ווען ער וועט דאס וויסען און וועט זיך אפריידען א ביסעל פון הארצען, וועלען זיינע ליידען זיין קלענער.

אויסטרינקענדיג נאך א ביער, אנשפארענדיג זיך מיטביידע הענד אויף דעם טיש האט ער אנגעפאנגען:—

וועל, מיין הערר, איהר זייט גערעכט. יא, איך האב שוין לאנג, לאנג געקלערט וואו געפינט מען אזא עדלען מענשען, פאר וועמען איך זאל קענען ערצעלען, ענטדעקען מיין טרויעריגע לעבענס געשיכטע..פיעללייכט וועלען פיעלע האבען א גוטען לעססאן פיר זייער צוקונפטס־וועגען, פיעללייכט וועט „זיא“—דא האט זיין שטיממע א ציטער געטאהן. זיינע גרויסע ברעמען האבען זיך אויפגעהויבען, דיא פארצויגענע מיט א דינע הייטעל אויגען האבען זיך וויא געעפענט און א שטראם טרעהרען האבען זיך געגאסען איבער דעם צוקארטשעטען געזיכט....יא פילייכט וועט „זיא“ האבען א געלעגענהייט צו וויסען וויא גרענצלאז טריי, איך האב זיא געליעבט..איינשטילענדיג דעם שלוכצען צוזאמען נעהמענדיג דיא געדאנקען, שטארקענדיג זיך האט ער מיט איין איבערגעוואלטיגע אנשטרענגונג אנגעפאנגען:—

„איך קען זיך ניט ערינערען אין וועלכען יאהר איך בין געבארען. פון ווען מיין לעבענס פארעם האט זיך אנגעפאנגען איך געדיינק קלאר עס שוועבען ארום פאר מיינע בלינדע אויגען פיעלע דורך געלעבטע סצענען, בילדער.

„איך בין דאן געוועזען יונג, שטארק, און אין דיא יאהרען ווען דיא קאפ איז פול מיט רייכע פאנטאזיען, ווען אין אלע אדערע פליסט לעבעדיגעס בלוט, און ערדענט און ערוועקט איין שטארקע טהעטיגקייט איך בין געוועזען יונג אונבעזארגט. מיט א פוהלען גלויבען אין מיין קראפט בין איך געגאנגען פארווערטס, זייענדיג האפנונגספאל אלע שטיינער, אלע שווערינקייטען צו בעזייטיגען און עררייבען א גליקליכע שיינע צוקונפט.

———

„מיין פאטער און מוטער זיינען געשטארבען ווען איך בין נאך געוועזען יונג און האב נאך געהאט א קליינעם בעגריף אין וואס פאר א לאגע איך בין געבליבען. זייא האבען מיר איבערגעלאזען צום בלינדען שיקזאל אין דיא הענד.

„איין ארעמער פארמער וועלכער איז
עוועזן געגוג בעווארפען מיט קינדער האט
חמנות געהאט אויף דעם אונבעשיצטען
תום און האט איהם צוגענומען צו זיך.

„ביז אין מיין דרייצעהנטער יאהרען בין
זיך געווען ביי דיא גוטע מענשען. איך האב
עטאהן מיין בעסטעס צוא זיין ניטצליך.
זבער ענדליך האב איך אנגעפאנגען פאר-
שטיין בעגרייפען מיין אונאנגענעהמע לאגע.
יך האב גוט בעטראכט מיין צושטאנד און
האב פערשטאנען דאס איך קען גאר ניט
רדייבען זיצענדיג דא אויף דער פארם,
יטערענדיג דיא פיה.

„דאצו האב איך ניט געקענט זעהן וויא
זיינע גוטע וואלטהעטער פלאגען זיך און
ינען ניט אימשטאנדע זאגאר זייערע קינ-
ערלאך אויס צו האלטען. און דארום האב
יך בעשלאסען אפדאנקען מיינע וואלטהע-
ערס פאר זייער גוטעס וואס זייא האבען
ים דעם אונגליקליכען יתום, צוזאגענדיג
י לאזען וויסען וואס מיט מיר פאסירען,
ון האב זיך אוועק געלאזט אין דער גרויסער
עלט פערזיכערען מיין עקזיסטענץ.

„איך בין אנגעקומען אין דיעזער גרויסער
עלט שטאדט א יונגער באי, פוהל מיט
עבען און ענערגיע, א יונגער באי וועלכער
אט מיט זיין ענטשלאסענעם זזאראקטער
ונערשראקען געלאזט זיך שווימען אין דעם
טורמישען ים פון דעם לעבען.

„פיעל איז מיר אויסגעקומען אויסצו-
שטיין, ליידען עלענדיג קינד, פיעל מאהל
האב איך קוים מיט מיהע געקראגען א
שטיקעל פלאטץ אין א עקספרעסס אין א
האלל א ביסעל אויסרוהען, האפען א דרע-
מעל, פיהלען דיא מידע, צומוטשעטע
אברים. פיעלע מאל בין איך ארומגעגאנגען
א הונגעריגער אין דיא גאסען און האב גע-
קעמפפט מיט דעם ליידיגען מאגען, וועלכער
פלעגט שטארס רעוואלטירען ווען ער פלעגט
פארשמעקען א רעסטאראנט, א בעקערייא
און ער פלעגט מיר אנרייצען האפען א
בריטעל.. אבער איך האב זיך געקענט קאנ-
טראלירען. מוטהיג בין איך געשוואומען אין
דיא שרעקליכע שטורעמדיגע וועלען, האב
געקעמפפט מיט דיא אלע אונאנגענעהמע
צושטענדע וועלכע זיינען דא אין אונזערע שיין
ציוויליזירטע אינדוסטריעלע שטעדט. נאך
עטליכע יאהר פון קאמפף, דורך גייענדיג א
גאנצע רייהע פון פערשיעדענע בעשעפטיגונ-
גען פון „פעדלען מיט צייטונגען" ביז זיין „א
שיין באי" האב איך ענדליך געקראגען א
שטעללע אין איין אפפיס. איין גוטע קאפ
און א שטארקער ווילען האבען מיר שנעל
בעליעבט געמאכט ביי מיין בעל-הבית מיינע
ווידזשעס זיינען געווען גאנץ גוטטע. דיא
פארטשריטטע וואס איך האב געמאכט
זיינען געווען צופריעדענשטעללענד פאר מיר.

„אין דיא פרייע שטונדען האב איך זיך
געלערענט דיא סיסטעם פון בוכפיהרונג,
וועלכעס איך האב אין פערלויף פון א יאהר

נעענדיגט מיט א דיפלאם.

„אין קורצען האב איך מיין שטעלע פערלאזען און בין אריין נעטראטען אין א גרויסען נעשעפט אלס בוכקיפער. איך האב מיין ארבייט פערשטאנען, האב מיין פפליכט ערפילט און האב העם צוטרויען פון מיין נייעם בעל־הבית נעוואונען.

איך האב זיך ניט נעהאט וואס צו בעקלאגען, איך האב פארדינט, האב נעלעבט, און האב נעהאט א שטארקע האפפענונג דערשלאגען זיך צו א ב ר ע נ... עררייכען א נ ו ט ע ן צוועק...

„עס איז נעווען א שיינער יוני טאג, דיא זונן האט נעשיינט און האט נעווארפען מיט איהרע גאלדענע שטראהלען, א פרישער מארגען ווינטעלע האט נעבלאזען און ערקוויקט דיא נשמה.

שטראממען מענשען האבען זיך נעצוינען איבער דיא סייד־וואקס, טויזענדע זיינען נעגאנגען, נעפאהרען צו זייער באשעפטינונג, איך בין נעווען איינער פון דיא פאהרענדע צו דער ארבייט.

„ארופנייענדיג דיא טרעפען פון דעם אלעוויימער האב איך זיא צום ערשטען מאהל דערזעהען

„זיא איז נעווען נעזיכטליך שיין, בלאע קלוגע גרויסע אויגען, איין שיינעם רונדען ווייסען נעזיכט, אויף וועלכע א אנציהענדע רויטקייט איז נעווען צונאסען, שיינע בלאנדע לאקענס, און קארשען רויטע ליפפען, אויף וועלכע א זיסער ליידענשאפטליכער שמייכעל האט נעשפיעלט.

„זיא איז נעווען אנגעצוינען אין איין העל בלאע, שיין נעבלומטע געוועבטע דרעסס, בעפוצט מיט ברייטע זיידענע רידבענס, נעטרימט מיט שיינע רייכע נעשפיצטע לייס. איין שיינעם רייך פערפוצטען העט, און אלעס צוזאמען האט איהר גענעבען אזוי פיעל חן און האט אזוי דרינגליך נעצוינען צו זיך.

„איהר בליק איז נעווען אזוי פערפיהרעריש און אין דער זעלבער צייט אזוי אונשולדינ נאאיוו. דאס איך האב זיך באלד פערלארען און האב מיינע אויגען אראפגעלאזען, מיט פערגנב'עטע בליקען האב איך איהר נאכגעקוקט אין דער ריכטונג וואו זיא איז אוועקגעגאנגען מיט לייכטע שנעלע טריט און קענעגליכען שטאלץ

„ווען זיא איז פערשוואונדען פון מיין אויג, ווען זיא האט זיך אויסגעמישט צווישען דעם ים מענשען, איז איהר בילד געשטאנען אזוי בולט פאר מיר און האט געצוינען צו זיך... איך בין געקומען אין געשעפט א פער'חלומטער, דעם גאנצען טאג בין איך נעווען וויא אין א כישוף וועלט... איהר בילד האט זיך אפגעפרעסט אין מיין מוח אויף ניעמאלס אויסגעמעקט ווערען.

„ווען איך בין אבענדס געקומען אהיים האב איך זיך קיין רוהע, קיין ארט נעקענט געפינען, איך בין געווען אויף דער העכסטע

צוזוצע פון אויפרעגונג, און פאר דער קלענ־סטער באמערקונג האב איך זיך באליידיגט און האב זיך מיט יעדען געקריעגט...

„איך בין געלאפען אין סטריט, בין גע־וועץ אין פערטיעדענע קאנצערט־האלס, האב פיעל געטרונקען און בין ניט געווען אים־שטאנדע זיך צו צערשטרייען. איבעראל האב איך געזעהען איהר טיעף איינדרינגענדען בליק, איהר רייצענדען געזיכט...

דער אקטער האט ארונטערגעלאזען דיא קאפף נידריגער, זיין שטימע איז געווארען שוואכער. די ערינערונגען האבען געמאכט אויף איהם א שטארקע ווירקונג. נאך איין פויזע פון איינינע מינוטען האט ער אויס־געטרונקען נאך א גלעזעל, אפגעווישט מיט א רויטער הענקערטשיף דיא פיענע פון דיא „וויסקערס" האט ער ווידער אנגעפאנגען:

„איך האב זיך דיא גאנצע נאכט גע־ווארפען פון זייט אויף זייט. עס איז געווען פאר מיר איין אונענדליכע אונרוהיגע נאכט און ווען דער מארגען שטערען האט זיך גע־ציינט ווייט... אויף דעם האריזאנט בין איך אויפגעשטאנען.

„מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט האב איך באקוקט מיין סוט מיין העט, יע־דער פינטעלע האב איך אויסגעקליענט, האב זיך געשפיעלט מעהר וויא אללע מאהל, האב דעם טייא צעהן מאהל איבערגעבונדען, און ענדליך ווען איך בין צופריעדען געבליעבען מיט מיין אויסזעהען, בין איך אוועק אהין... צו דעם ארט וואו איך האב זיא צום ער־שטען מאהל געזעהען. אפווארטען דארט פיעללייכט וועט דער ענגעל וואס האט מיך בעצויבערט ווידער ערשיינען.

„עס איז געווען גאנץ פריה, דער אויס־געשפרייטער הימעל האט אויסגעזעהען וויא פארדרעמעלט, איין שטילער ווינטעלע האט געבלאזען. די ביזנעס וועלט האט זיך ערשט אנגעפאנגען באווענען. וואו ניט וואו האט זיך געזעהען איין ארבייטער לויפענדיג, מיט דיא פארשלאפענע אויגען, ווארפענדיג מיט דיא גראבע מאזאליסטע הענט.

איך בין אנגעקומען אויף דעם פלאץ און האב געשפאצירט אויף און אפ אויף דעם שטיקעל סייד־וואק, כ'האב געסמוקט איין סיגאר נאך דעם צווייטען, שלינגענדיג דעם רויך, קוקענדיג אין דער אונענדליכקייט, זוכענדיג דיא קעניגען, דיא באהערשערין פון מיינעם הארצען.

„פון דער ווייטען האב איך זיא דערזעהן, אזוי וויא א פויגעלע לייכט האט זיא זיך באוועגט פארווערטס, און איז געקומען נע־הענטער, איך האב זיך פארטיג געמאכט צו פארסמוקען א סיגאר, מאכענדיג זיך אזוי וויא דורך א צופאל וואלטען מיר זיך ווידער באגעגענט.

„זיא איז פארביינעגאנגען, אונזערע בלי־קען האבען זיך באגעגענט, איך האב גע־פיהלט אזוי וויא איין עלעקטרישער שטראם וואלט דורכגעלאפען מיין קערפער, מיין

חארץ איז פארדריקט געווארען פון אזא וויסען געפיהל, און מיין געזיכט האט זיך וויא אנגעצונדען, און זיא וויא איך האב באמערקט האט זיך פארלארען, און מיט א ציטער רויטען געזיכט איז זיא ווידער פערשוואונדען.

„אונבעוואוסט, האט מיך אימער אין דיעזער צייט געצויגען, געשלעפט, צו דיעזען פלאץ.

„אזוי האבין מיר זיך אפט באגעגענט, איך האב שוין געוואוסט דיא שטונדען, דיא פלעצער, וואו איך קען פערגנב'עטערהייד אויף איהר קוקען, אפטע צופעלע זיינען געוועזען ווען מיר האבען זיך אנגעשלאגען איינער אן דעם צווייטען... ענטשולדיגט זיך און ווידער פאנאנדערגעגאנגען...

„איך האב אויסגעפונען ווער זיא איז, ווער איהרע עלטערן זיינען, וואו זיא וואהנט, איך האב זיך דערוואוסט דאס זיא איז א טאכטער פון א וואהלהאבענדען קלאוקט־מאנופעקטשורער. דאס איהר פאטער שפיעלט א גאנץ שיינע ראליע אין פאליטיק, איך האב אויסגעפונען דאס איך בין געפאנגען אין דער נעץ פון א האפענונגסלאזע ליעבע, וועלכע האט מיך געשראקען צו דערשטיקען.

„איך בין ארומגעגאנגען וויא אין איין עולם־התוהו, האב ניט פערשטאנען וואס מען רעדט צו מיר, האב אנגעפאנגען פערנאכלעסיגען מיין פליכט אין געשעפט, און האב זיך ניט געבעסערט ווען מען האט מיר אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם, און ווערענדיג א לא־יצלח, בין איך ענטזאגט געווארען פון מיין שטעלע.

„וואס האט עס מיך געקימערט, פארקעהרט איך בין צופרידען געבליבען, יעצט בין איך ניט בעשעפטיגט געוועזען, בין פריי, און האב צייט געהאט וויא א הונט אפליגען אין א ווינקעל פון א גרויסער טענעמענט הויז, ניט ווייט פון איהר עלטערנס וואהנונג, מיט איין אבזיכט זיא צו זעהן און וויא א שטן נאכפאלגען.

„פיעלע מאהל האב איך זיך באשלאסען דיזען פארשלייערטען פארצעהרענדען ארט לעבען אויפוויקלען.

„אפווארטען זיא, ענטשולדיגען זיך, איבערגעבען איהר א בריעף, וועלכען איך האב פערטיג געמאכט, אין וועלכען איך האב אויסגעדריקט מיט דיא שארפסטע ווערטער פון פאעזיע אלעס וואס עס קומט פאר אין מיין הערצען, און מיט א ביטע צו ענטפערן דעם אונגליקליכען, וועלכער וועט ווארטען אויף איהר אורטהייל, וועלכער איז פאר מיר „לעבען אדער טויט“.

„און יעדעס מאהל ווען איך האב זיא דערזעהען, און האב געוואלט מיין בעשלוס דורכפיהרען, האב איך ניט געהאט גענוג מוטה, מיינע הענט זיינען געבליבען באוועגלאז, און ערשט דאן ווען זיא פלעגט פארשווינדען, בין איך געוועזען צופריעדען מיט מיין

שוואכקייט. דען זייענדיג האפענונגסלאז, האב איך געוואלט נאך אביסעל אפציהען דיא צייט פון מיין טאדטעס אורטהייל...

„ענדליך האב איך דערפיהלט דאס וויי־טער קען עס אזוי ניט גיין, דער ניט וויסען, איז פאר מיר געווען שרעקליכער, מיינע גע־דאנקען האבען אנגענומען אזא ווענדונג, וועלכע פיהרען דעם וועג צום וואהנזינן, דארום בין איך אין א געוויסע אבענד אוועק צו איהר עלטערנס וואהנונג, כיהאב זיך פארשטעקט אין א ווינקעל זיא אפצ:א:ואר־טען. מיין הארץ האט מיך ניט אפגענארט. נאך א קורצע צייט פון ווארטען איז זיא ערשיענען אויף דעם שוועל פון איהר הויז מיט א דינעם שאל אריבערגעווארפען איבער איהרע שולטער, מיט א בוך אין האנט...

„מיין הארץ איז וויא שטיל געבליבען... אך וויא איך האב געגארט דיעזען ענגעל אומארמען... קושען דיא זאנפטיגע ליפען... פיהלען איהר אטהעם...

„איך האב זיך אנגענומען מיט קוראזש אין מיט פעסטע טריט בין איך צו איהר צו־געגאנגען, האב זיא בעגריסט און האב זיא געבעטען ענטשולדיגונג, האב איהר אויסגע־שטרעקט מיין ציטערנדיגע האנט, אין וועל־כער עס איז געווען מיין בריעף, און האב זיא געבעטען צו נעהמען א בוייעף פון א ליידענ־דען, אונגליקליכען... זיא האט זיך פארלא־רען, נעהמענדיג דעם בריעף פון מיין האנד איז איהר געזיכט בעגאסען געווארען מיט א רויטקייט, און ווארפענדיג אויף מיר א פער־שעהמטען בליק איז זיא אריינגעלאפען אין הויז.

איך בין געבליבען שטיין וויא בעזינונגס־לאז קענען דער מיהר אין וועלכער זיא איז פערשוואונדען, דיא קיהלע לופט האט מיך גאנץ שנעל צו זיך געבראכט, און מיט לאנג־זאמע טריט, מיט צושטרייטע געדאנקען האב איך זיך אוועקגעשלעפט אהיים.

„איך קען עס ניט איבערגעבען, דאס וואס איך האב דורכגעפיהלט דיא נאכט און טאג ביז דער שפעטער שטונדע אין וועלכער איך האב געדארפט קריגען איהר ענטפער ביי איהר עלטערנס וואהנונג.

„איך האב דעם מעת לעת דורכגעפיהלט אזוי פיעל, וויא אנדערע אין זייער גאנצע לעבען לאנג.

„האפענונג און פערצווייפלונג האבען אין מיר געפיהרט א ביטערן קאמפף.

„אט האט דיא האפענונג גענאט דיא אבערהאנד און פלוצלונג האט דיא פער־צווייפלונג מיט א שטארקערע מאכט זיך געווארפען אין קאמפף און דיא האפענונג איז באזיענט... און א פארצעהרענדער גע־פיהל האט געריסען, געצופט דאס הערץ.

„ענדליך איז אנגעקומען דער ערוואר־טעטער אבענד. איך בין ארומגעגאנגען אין דער גאס וואו זיא האט געוואהנט, א פינ־סטערקייט האט אללעס איינגעהיילט, דיא גאססען זיינען שטיל געווארען, דיא לאדענס

און טיהרען פון דיא געשעפטס-הייזער האַבען זיך פאַררינעלט. דיא בעלייכטונג פון דיא סטאַרס איז אויסגעלאָשען געוואָרען. און איך האָב זיך ווי א שטן ארומגעדרייט צווישען דיא הויכע הייזער, וועלכע האבען מיט זייער גרויסקייט אויסגעזעהען משונענדיג אין דער געדיכטער פינסטערניס, און האבען נאך א מעהר פרעסענדען, שמערצליכען געפיהל מיר פערשאַפט.

איינגענגעסען מיט מיין בליק אין איהר עלטערנס וואהנונג בין איך געשטאַנען. דיא צייט האט זיך אונטערגערוקט, באלד אַט באלד און איך וועל וויסען מיין שיקזאל... ... ווען זיא קוממען? וועט זיא מיך פארשטויסען?... דיא 9טע שטונדע האט געשלאגען, מיין הארץ איז שטיל געבליבען... און דער קערפער האט געוואָרפען וויא פון קעלט... דיא פיס האבען זיך פון שוואַכקייט געבויגען, אנגעשפארט אַן דיא נייטס בין איך געשטאַנען און האָב געוואַרט...

„א שטילער סקריפּ האָט זיך דערהערט, דיא טיהר האט זיך לאנגזאם געעפענט און זיא האט זיך בעוויזען, וויא איין געטין אין דעם הימעל-רוים אזוי איז זיא פאר מיר ערשינען. מיט שטילע טריט איז זיא אראָפּגעגאנגען דיא טרעפּען פון זייער הויז, איינגעוויקעלט אין איין לאנגען מאנטעל מיט דיא בלאנדע לאקענס צוגעוואָרפען איבער איהרע שולטער, מיט דיא צוויי פייערינע אויגען וועלכע האבען געשיינט וויא צוויי שטערן האט זיא מיך געזוכט.

„און ווען איך בין איהר געקומען אנטקעגען און האב שטיל צוגעפליסטערט „גוטער אבענד", האט זיא אָהנע א וואָרט צו ריידען אויסגעשטרעקט איהרע הענד צו מיר, אין וועלכע פאלענדיג אויף דיא קניע האָב איך זיך איינגענגעסען אין זיי מיט מיינע ברענענדע ליפּען, פארגעסענדיג וואו איך בין, און האָב אויסגעבראכען אין א שטילען שלוכצען.

„קיינע ווערטער... קיינע זילבען איז צווישען אונז ניט געוועקסעלט געוואָרען. ניט איבערגעבענדע קרעכצע און אויסרופע זיינען געווען דיא שפּראכע וועלכע מיר האבען בענוצט פיר אונזער ערקלעהרונג. א שטומע מאנאַטען-לאנג טיעף איינעסענדע ליעבע האט געהאט א שטומע ערקלעהרונג. דריקענדיג זיך דיא הענט, פרעסענדיג זיך איינער צום צווייטען, האבען מיר ניט בעמערקט וויא שנעל דיא צייט איז אוועק, און מיר האָבען זיך נעדארפט שיידען, מיט געוואַלד האבען מיר זיך פאנאנדערגעריסען, און שווערענדיג זיך עווינע טרייהייט און איבערגעבענהייט זיינען מיר זיך פאנאנדערגעגאַנגען. איך האָב געזעהען וויא זיא האט שטיל געעפענט דיא טיהר און וויא דיא זעלבע האָט זיך צוגעמאַכט און זיא איז פערשוואונדען.

„פארשיכורט בין איך אוועק אהיים. וואס הארט מיר דער קאמפף אום דאזיין?

וואס קימערט מיר דיא וועלט און אלע און אללעס אין איהר? איך בין גליקליך, איך ליעב און ווער געליעבט און וואס דארף איך מעהר?

„איך האב ניט נעוואלט, נים נעקענט זיין אין דיעזע גליקליכע שטונדען א פסיכאָלאָג, ארייגקוקען טיעפער אין דער זאכע... אנאלאזירען, פאנאנדערגליעדערן די פראגע און זעהען וואס קען זיין דער רעזולטאט פון אזא ליעבע. וואס וועלען איהרע רייכע על־טערן זאגען? זיי וועלכע דיינקען פארגעבען זייער טאכטער פאר א רייכען געשעפטס־מאן? וואס וועלען זיי טאהן ווען זיי וועלען זיך דערוויסען דאס זייער טאכטער איז פאר־ליעבט אין איין ארימען טייוועל?

„דיעזע געדאנקען זיינען נעוועז פרעמד פאר מיר, און ווען זיי וואלטען דאן ארויפ־געסומען אין מיין מוח, וואלט איך אויף דער זאך געקוקט מיט אויגען פון א פארליעבטען.

דער אלטער האט ארויסגעלאזען א שווערען זיפץ, דיא עראינערונגען האבען אויפגעריסען זיינע וואונדען... מיט א צו־קרימטען געזיכט האט ער זיך געמאכט בע־קוועמער אין טשער, האט זיך נאך אמאהל הערצליך אפגעזיפצט און האט פארטגע־זעצט.

„צוויי יאהר זיינען פערשוואונדען וויא אין א טרוים, איך האב געלעבט אין א הימעלשער, גן־עדן׳שער וועלט, כ׳האב גע־ארבייט אין א געשעפט. האב פערדינט און האב אללעס געספענט מיט מיין ליעבער סיידען, ארומגעפאהרען, אמוזירט זיך.

„אין דיא זומערדיגע מאנאטען זיינען מיר געפאהרען אין דיא פארקס, אויף דיא פרייע גרינע פעלדער. ארומגעלאפען, ארומ־געשפרונגען, וויא גליקליכע פייגעלאך פון בערגעל צו בערגעל... געשטיפט... געלאכט, געלאפען, געפאלען, געזעצט זיך אפרוהען אין דיא הויכע שמעקענדיגע גרינע גראזען.. געזעסען ביי דיא רוישענדע קריסטאלענע טייכעלאך און צוגעהערט זיך וויא דיא גאנ־צע נאטור האט אונז געשעפטשעט אין די אויערן.. לעבט גליקליכע קינדער... געניסט כל־זמן איהר פיהלט ניט דיא גרויזאמקייט פון דעם לעבען... און מיר האבען געשלונ־גען... געגאסען גליק.

„ווינטער זיינען מיר געגאנגען צו פאר־שיעדענע בעלער, אונטער דעם איינפלוס פון זיססע מוזיק און עלעקטרישע בעלייכטונג געטאנצט... געשפרונגען... געלאכט און געלעבט איין גליקליכען אונבעזארגטען לע־בען... אך וויא שנעל זיינען אוועק יענע גוטע גליקליכע צייטען...

„איהרע עלטערן האבען זיך דערוואוסט און האבען איהר פערבאטען מיך צו זעהן. יעצט ערשט האבען מיר זיך ארומגעזעהען דאס אין דער לאנגער פאר אונז קורצער צייט, האבען מיר זיך נאר פארגעסען פאר־צובערייטען אימפאל עס וועט אויסקומען קעמפפען מיט איהרע עלטערן. מיר זיינען

געוועז אונבעוואפענט, און דיעזער קלאפ איז געוועז פאר אונז א צושטארקער. — „איך האב זיא יעצט געזעהען זייער זעלטען און פיעל האבען מיר קיין צייט געהאט צו ריידען ווען מיר האבען זיך געזעהען.

„זיא האט געוויינט, איך האב זיא נעטרויסט, האב זיא געבעטען נור ניט פארגעסען אן מיר, און אזוי פלענען מיר זיך ווידער געזעגענען ניט קומענדיג צו א רעזולטאט—וואס איז צו טאהן?

„וואס ווייטער זיינען אונזערע וויזיטען געווארען זעלטענער, איך בין געווארען צוטראגען, איין פרעסענדע מעלאנכאליע האט מיך ארומגענומען, איך האב געפיהלט וויא שרעקליכע שווארצע וואלקענס קלייבען זיך צו פערטרינקען מיין קליינע וועלטעל...

„עס איז געוועז איין אבענד ווען מיר האבען זיך געדארפט זעהען אין א געוויסער קאפע הויז, נאך עטליכע אונגעדולדיגע שטונדען פון ווארטען איז סיידע ניט געקומען... עס האט מיר עפעס פארדריקט אזוי דאס הארץ, איך בין ארויס אין גאס אביסעל זיך דורכגייען, איין געהיימער געפיהל האט מיך געשלעפט צו איהר וואהנונג. פיללייכט וועל איך עטוואס אויסגעפינען ווארום איז סיידע ניט געקומען?...

„שווערע געדיכטע וואלקענס האבען זיך געקליבען אויף דעם הימעל, און האבען נעשראקען מיט א רעגען... יעדערער האט זיך געאיילט, איז געלאפען גיכער קומען אהיים באהאלטען זיך פון דעם וועטער, וועלכער איז געווארען אונאנגענעהם, איין שניידענדער ווינט איז אנגעקומען און האט גענומען רייסען, טראגען גאנצע זייכען פון שטויב. איך בין געגאנגען ניט באמערקענדיג דיא ענדערונג פון דעם וועטער, פלוצלונג האט א פירכטערליכער דונער און א בלענדענדער בליץ דורכגעשניטען אין דער לופטען, אי... שטארקער רעגען האט געגאסען, אזוי ווי: דיא הימלען וואלטען זיך עפענען אום נאן אמאהל ווידערהאלען דעם „מבול". מין האט גארניט געקימערט דיזער שרעקליכע בייזער וועטער, איך בין געגאנגען אלי פארווערטס, לאזענדיג נאך זיך איין בלא... נאך דעם צווייטען, אין דיזען מיאוסען וועטער האב איך אויסגעזעהען וויא א נאכ... וואנדלער, א פערשטויסענער פון דער מענשהייט...

„פון ווייטען האב איך זייער הויז דערזעהען נאך דער העלער בעלייכטונג וועלכ... האט געשלאגען דורך דיא פענסטער א... האט בעלייכטעט דיא גאנצע גאס און די קויפענדע רעגענדיגע וואסער, נאך די פיאנא טענער וועלכע האבען זיך צוגאס... איבער דער גאס, בין איך געווארען איבע... צייגט דאס קיין אומגליק האט ניט פאסירו... טא וואס־ושע דען? א שמחה; ווארום הא... מיר סיידע ניט דערציילט וועגען דיזען או... טערהאלטונגס אבענד, זיא פלעגט דאך מי... אימטער ערציילען און בעדויערן וואס א...

קען דיזע פריי̇ליכע אבענדען ניט בּייוואהנען.
נאר מיר האבען זיך געטרויסט דאס אין
דער צוקונפט וועט אלעס גוט זיין.

„עפּעס מאדנע האט מיר וועה געטאהן
דיא הארץ. דיא העלע ליכט האט מיר גע־
שניטען אין דיא אויגען, דיא פּיאנא טענער
האבען מיר געריסען אין דיא אויערן, און
אין קאפּ האט זיך פערגנב'עט איין שרעק־
ליכער געדאנק, בּעטראנגען... אפּגענארט...
אויסגעלאכט... יעצט זיינען מיר פיעלע
פראגען אויפגעקלעהרט געווארען, דיא לעצ־
טע עטליכע מאהל ווען איך האב זיך גע־
זעהען מיט מיין הערצענס געליעבּטע איז
זיא געוועזען זעהר קאפּריזנע... און פיר יעדער
קליינינקייט פלעגט זיא ווערן נערוועז... עס
האט אויסגעזעהען וויא זיא האט געזוכט
איין אורזאכע וועלכע זאל איהר געבען איין
בּערעכטיגונג צו צוברעכען אונזער בּאנד.
איך האב עס דאן צוגערעכענט צו דיא אונ־
אויפהערענדע געשפּרעכען אין קעמפּפע מיט
איהרע עלטערן, און דארום איז זיא אזוי
נערוועז און בּיי דער קלענסטער זאכע קומט
איין אויפבּרייזונג.

„דיזע געדאנקען זיינען דורכגעפלויגען
אין מיין טומעלדיגער קאפּ, און אלעס איז
פאר מיר געוועזען קלאר... און איך, אך וויא
איך ליעב זיא. וואס וואלט איך ניט געטאהן
פון איהרטוועגען?

„מיט א פערבּלוטעטער הארץ, מיט
בּלוט פערלאפענע אויגען, איין דורכגעווייק־
טער, בּין איך אוועק אהיים, פיער טעג האב
איך זיך ארומגעטראגען מיט געדאנקען פון
זעלבּסטמארד. איין שווערע מרה שחורה
האט מיך ארומגענומען...

„ענדליך האב איך פון איהר ערהאלטען
א בּריעף.

„מיט ציטערענדע הענד האב איך איהם
אויפגעריסען... מיט טרערענדע אויגען און
איין ציטערענדעס הארץ האב איך איהם
געלעזען. יעדער ווארט איז געוועזען א שאר־
פער מעסער וועלכער האט געשניטען מיין
צוּוואונדעטע הארץ.

דעם אלטענס שטימע איז געווארען גע־
בּראכען, דער קערפּער האט זיך צוזאמענגע־
בויגען, זיין צוקריטטע געזיכט האט גע־
צייגט וואס פאר א פירכטערליכען שמערץ
דיא ערינערונגען פערשאפען איהם.

איך בּין געזעסען מיט צוזאמענגעדריקטע
ציינער און שמערצליכען געפיהל. נאך א
קורצע ווייל̇ע האט ער אנגעפאנגען מיט א
שטילער שטימע:

„איך האב פון מיין סיידען געלעזען, זיא
מיין ענגעל בּעט מיך פערצייאונג... ער־
קלעהרט מיר דאס יעצט האט זיא אויסגע־
פונען דאס זיא האט מיך ניט געליעבּט מיט
יענער ריינער אונשולדיגער ליעבּע.

„נור עס איז געוועזען איין ליידענשאפט־
ליכער איבּערנאנג.“

זיא פערלאנגט פון מיר דאס איך זאל און
איהר פערגעסען, דען זיא איז ניט ווערטה

פון אזא ריינער הארץ געליעבט זיין. לאזט זיך פאנאנדער פון דער פראקטישער זייט פון א בורזשואזנע טאכטער, ערקלערט מיר, דאס טראץ דעם וואס זיא פיהלט צו מיר מעהר נייגונג, איין שטארקערע ליידענשאפט וויא צו יעדען אנדערן, דאך מיין לאגע, מיין ארמוטה, דער אונזיכערער עקזיסטענץ שרעקט איהר און זיא איז געצוואונגען אויסקלייבען צווישען א ליעבענדע הארץ און איין לעבענס לאנגען שרעק פון ארמוטה... הונגער... און איין רייכען הערץ מיט געלד, וועלכער וועט איהר פארזיכערען איין גוטען עקזיסטענץ. וועט איהר פערשאפען אללע פערגעניגען, אללע לוקסוס, פון דער יעצטיגער עגאאיסטישער וועלט—דאס לעצטע.

„האפט דאס מיין אנגעריהרטער מענער שטאלץ וועט מיר צונעבען מוטה איבערטראגען דיעזען שמערץ.

